# עונג שבת



גוט **שבת אלע אידן**. עס איז געווען ווען די אידישע קינדער זענען געווען אין מדבר, האבן זיי געטראפן א מענטש וואס האט צוזאמענגענומען צווייגן אין שבת. און די אידישע קינדער האבן איהם ארויסגענומען פון די מחנה און זיי האבן איהם פארשטיינערט און ער איז געשטארבן. ס'איז דא א דעה אין די גמרא אין מסכת שבת "אמר רב יהודה אמר שמואל: מקושש, מעביר ארבע אמות ברשות הרבים הוה." (שבת צו:) אז דער מקושש איז געווען חייב ווייל ער האט געטראגן אין רשות הרבים.

א איד וואס וואוינט אין א פלאץ וואס האט אן עירוב קען אפשר פארגעסן אז ס'איז דא אן איסור צו טראגן דארט ווי עס איז נישטא קיין עירוב. א מענטש וואס איז צוגעוואוינט צו טראגן אין שבת אויפ'ן גאס דארף אכטונג געבען ווען ער גייט ערגעץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב. ס'איז כדאי צו ברענגען די פאלגענדע מורא'דיגע מעשה וואס טוהט אונז דערמאנען דעם איסור פון טראגן אין רשות הרבים.

די צווייטע וועלט מלחמה איז געווען פון די שווערסטע צייטן פאר אידן ארום די וועלט. איינע פון די פלעצער וואס איז געווען גאר געפערליך פאר אידן אין געווען אין רוסלאנד. איינער פון די אומגליקליכע מענטשן וואס האט זיך געטראפן אין רוסלאנד אין יענע צייטן איז געווען טובי' גאלדשטיין מיט נאך 12 בחורים פון די קאמעניצער ישיבה. די רוסישע רשעים האבן פארשיקט טובי' צוזאמען מיט זיינע חברים פון די ישיבה צו אן ארבעטס לאגער אין סיביר, וואו זיי האבן געדארפט שווער ארבעטן. די שווערסטע זאך איז געווען אז די רוסישע רשעים האבן פארלאנגט פון די אידן צו ארבעטן אין שבת קודש. איינער וואס איז נישט געווען גרייט צו ארבעטן אום שבת האט גלייך בעקומען א קויל ל"ע. באין ברירה, האבן די ישיבה בחורים פון קאמעניץ געדארפט ארבעטן שבת. די קלוגע ישיבה בחורים האבן אבער כסדר געזוכט עצות ווי אזוי ווייניגער צו מחלל שבת זיין.

איין שבת אינדערפרי, האבן די רוסישע סאלדאטן געשיקט די בחורים צו א וואלד. אין דעם וואלד האבן זיי געדארפט אוועקטראגען אלע אפגעהאקטעביימער און צווייגן. ווען די אידן זענען אנגעקומען צו דעם ארבעטס פלאץ אין דעם וואלד, איז דער רוסישער אויפזעהר אוועקגעגאנגען, איבערלאזענדיג די בחורים אליינס.

די בחורים האבן אנגעהויבן צו טראכטן ווי אזוי זיי קענען ווייניגער מחלל שבת זיין. נאך אביסל אדורך שמועסן האבן זיי געטראפן צוויי עצות: שנים שעשאוהו, ד"ה צוויי מענטשן וואס טוהן א מלאכה וואס באמת איין מענטש קען טוהן אליינס, אבער צוויי האבן עס געטוהן צוזאמען זענען זיי נאר עובר אויף א דרבנן. ווייל יעדער איינער האט געטוהן נאר א "חצי מלאכה" – א האלבע מלאכה. (עיין במשנה ברורה: "...יחיד ועשה אותה חייב, שנים ועשו אותה פטורים ומכל מקום מדרבנן אסור שמא יבוא כל אחד ואחד לעשות מלאכה שלמה.") (שמז:א)

די צווייטע עצה איז געווען: פחות פחות מד' אמות, ד"ה איינער וואס טראגט א זאך ווייניגער ווי פיר אמות אויף איינמאל איז נאר עובר אויף אן איסור דרבנן.

האבן זיי אנגעהויבן צו ארבעטן אזוי. צוויי בחורים האבן אויפגעהויבן א גרינגע צווייג און זיי האבן עס געטראגן ווייניגער ווי פיר אמות און זיך אפגעשטעלט, און נאכדעם ווייטער געטראגן ווייניגער ווי פיר אמות, כדי ווי ווייניגער מחלל שבת צו זיין. די בחורים האבן געמיינט אז דער רוסישער אויפזעהר איז אין גאנצען אוועקגעגאנגען. אבער אין אמת'ען אריין, איז דער רוסישע אויפזעהר געשטאנען אויף א בארג און ער האט אלעס געזעהן. פארשטייט זיך איז דער רוסישער אויפזעהר געווארן זייער אויפגערעגט ווען ער האט געזעהן אז צוויי שטארקע בחורים שלעפן א גרינגע צווייג און זיי האבן עס געטראגן א פאר טריט, און שטעלן זיך אפ און גיין ווייטער א פאר טריט. דער רוסישע אויפזעהר איז געווארן אויסער זיך פאר כעס ווען ער האט דאס געזעהן. אזא חוצפה! האט ער געטראכט.

ער האט זיי איינגעשפארט. מוצאי שבת האבן די רוסישע רשעים געמאכט א משפט. דער רוסישער אויפזער האט אנגעהויבן צו רעדן קעגען די בחורים. דער אויפזעהר האט דערציילט זיין עדות פאר די שופטים. און די רוסישע סאלדאטן וועלכע זענען געקומען זעהן דעם משפט האבן זיך געהאלטן ביי די זייטן פאר געלעכטער. די רשעים האבן די אידן אפילו נישט געלאזט קומען צום ווארט. אין דער אמת'ען אריין, אפילו ווען זיי וואלטן יא געקענט רעדן, וואלטן זיי גאר נישט געקענט זאגן. ווי קען מען מסביר זיין קדושת השבת פאר א טמא'נער גוי!

די אידן האבן זיך געראכטען צו בעקומען אפילו טויט שטראף. דער אנקלעגער האט ווייטער גערעדט קעגען די בחורים פאר א פאר שעה, און די רוסישע גוים האבן חוזק געמאכט פון די בחורים די גאנצע צייט. ווען דער אנקלעגער האט אנגעהויבן צו שליסן זיינע דרשה, האבן די בחורים אנגעהויבן צו זאגן וידוי.

פלוצלינג, זענען זעקס חשוב'ע רוסישע גוים אריינגעקומען אין די זאל ווי דער משפט איז געווען. די קליינע בלעכל אויף זייערע רעקלעך האט דערציילט ווער די מענטשן זענען געווען, חברים פון דער צענטראל קאמוניסטישע קאמיטע פון מאסקווע, די שטערקסטע אפטיילונג אין די רוסישע רעגירונג.

די שופטים האבן גלייך אוועקגעגעבן זייערע בענקלעך פאר די חשוב'ע געסט פון מאסקווע. די מענטשן האבן געבעטן פונעם אנקלעגער אז ער זאל זיי איבער זאגן בקיצור די פרטים פון דעם משפט. דער אנקלעגער האט אנגעהויבן נאכאמאל צו דערציילן ווי די בחורים האבן געארבעט, בעסער געזאגט ווי זיי האבן נישט געארבעט! דער עולם האט נאכאמאל געלאכט. פינף פון די קאמיטע האבן אויך מיטגעלאכט. אבער דער זעקסטער האט נישט געלאכט. פלוצלינג, האט דער וואס האט נישט געלאכט געבעטן מען זאל אפשטעלן דעם משפט און ער האט געבעטן צו רעדן פריוואטע מיט די בחורים.

די בחורים זענען געגאנגען מיט דעם מענטש אין אן אנדערע צימער. די בחורים האבן מורא געהאט אז זייער סוף איז אנגעקומען. זיי האבן אנגעהויבן צו זאגן תהילים בעל פה. ווען דער מענטש איז געבליבן אליינס מיט די בחורים, האט דער מענטש שטילערהייט געזאגט אויף אידיש: "זעצט זיך!"

די בחורים זענען איבערראשט געווארן! דער מענטש איז א איד? "א גוט וואך..." האט דער מענטש געזאגט ווייטער. "איך בין א איד!" פאר די ערשטע מאל אין א לאנגע צייט האבן זיך די בחורים געשפירט רוהיג.

דער מענטש האט אנגעהויבן צו דערציילן אן אינטערעסאנטע מעשה: "איך בין א איד אבער איך בין אויך א קאמוניסט. א פאר יאר צוריק איז מיין מאמע נפטר געווארן. פאר זי איז אוועק, האט זי מיר געזאגט: 'איך ווייס אז דו ביסט א קאמוניסט, אבער זאג מיר צו איין זאך, איין טאג זאלסטו טוהן א טובה פאר א פרומען איד.' דאס איז געווען איר לעצטע בקשה, איך האב איר צוגעזאגט אז איך וועל עס טוהן. ס'איז מיר פשוט קיינמאל נאכנישט אונטערגעקומען אזא געלעגענהייט צו טוהן א טובה פאר א פרומען איד ביז היינט נאכט.

היינט נאכט זענען מיר געפארן אויפ'ן וועג. געוועגליך פארן מיר נישט ארום אין די געגענטען (ווייט אוועק פון שטאט) אזוי שפעט ביינאכט. אבער היינט איז אונזער קאר שטעקן געבליבן אויפ'ן וועג, און מיר האבן עס נישט געקענט אנצינדן נאכאמאל. האבן מיר געזוכט א פלאץ איבערצונעכטיגן. מיר זענען געווען אביסל פארוואונדערט צו זעהן אז די לעקטער ברענט אזוי שפעט ביינאכט אין א אזא פארווארפן פלאץ! וועגן דעם זענען מיר אריינגעקומען זעהן וואס טוהט זיך. יעצט, אזוי סאך יארן שפעטער האב איך יעצט די ערשטע געלעגענהייט צו טוהן א טובה פאר א פרומען איד..." דער מענטש האט געענדיגט רעדן מיט זיי און ער האט געהייסן די בחורים אריינצוקומען אינעם זאל וואו דער עולם האט געווארטן אויף שפילקעס, צו הערן וואס וועט זיין.

בקיצור, דער איד האט אנגעהויבן צו זיין א סניגור פאר די אידן. ער האט גע'טענה'ט אז די אידן זענען פון די מערסטע געטרייע מענטשן אינעם ארבעטס לאגער. זיינע טענות זענען אנגענומען געווארן ביי די שופטים, און זיי האבן געפסק'נט אז די אידן זענען פריי. און נאך מער, דער איד האט אזוי גוט פארטיידיגט די בחורים אז פון דעם טאג און ווייטער, האבן די רוסישע זיך אויפגעפירט מיט די בחורים בעסער ווי מיט די אנדערע מענטשן אין דעם ארבעטס לאגער! יארן שפעטער איז ר' טובי' גאלדשטיין געווארן א רב און א חשוב'ער פוסק אין ניו יארק. ער האט זוכה געווען צו פסק'נען אסאך שאלות וועגן שבת!

די חכמים האבן צוגעזאגט גרויסע זאכן פאר א איד וואס איז שומר שבת כהלכתה. אזוי ווי ס'שטייט אין די גמרא: " כל השומר שבת כהלכתו אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו (שבת קיח:)" לאמיר געדענקן די מעשה און אייביג געדענקען איבער צו קוקען די טאשן פאר מ'גייט ארויס אויף א פלאץ וואס האט נישט קיין עירוב. גוט **שבת אלע אידן**.

מזל טוב למוה"ר ישראל משה דירנפעלד שליט"א לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ"צ

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)

מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."